## דער פּאָעט

ליגט אַ בחר׳ל אין בעט.
טרויעריק איז זיין געמיט.
ער איז אַ יונגיטשקער פּאָעט.
גיסט ער שטימונג אויס אין ליד.

זיין ליד פאַרבענקט און צאַרט --
דערציילט פון געוויין און טרערן,
פון אַ חלום, וואָס ווערט פאַרדאַרט
פון נישט באַוווסטזיין אין ווערן.

דער פּאָעט, דאָס בחור׳ל איז נאָך יונג
און כאָטש זון פון צער אָפּט וואַרפט אויף אים אַ שיין
דאָך גליט אין אים אַ פונק:
"עפּעס אין לעבן מוז דאָך זיין".

"מענטשן ווערן דאָך נישט געבוירן סתּם
ס׳מוז דאָך זיין באַגער און ווילן,
און ביי מינים פון דעם שטאַם
איז דאָך פאַרהאַן אַ שטרעבן און אַ ציל.

יאָסל

(יולי 1940)

---

("אויסטראַלישע יידישע נייעס" ז. 6, אויגוסט 9-טער 1940.)